Bloštejn Hebr. Ej. 596

# אונטער דער חופּה

אײנע ערצאהלונג

פאן

ע״ב

---

# ווילנא

שנת תרנ״ג לפ״ק

---

## ПОДЪ ВѢНЦОМЪ.

Разсказъ А. Блоштейна.

Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.

Въ типографіи Л. Л. Маца, на Квасномъ переулкѣ д. № 1195/6 1893 г.

Дозволено цензурою. 8 Августа 1893 г. Вильна.

# 1.

אויף דֶעם וַואגְזַאל ק׳ לִיבּוֹיֶער אַייזֶענְבַּאן זַיינֶען צוּא זַאמֶען גֶעקוּמֶען זַייעַר פִיל מֶענְשֶׁען פַּאסַאזִירֶע, וֶועלְכֶע נֶעמֶען בִּילֶעטִין בִּיז אַשְׁטַאנְצְיָאן אָדֶער צְוֵויא פַאר לִיבַּאוּ, עֶס אִיז דֶעם מָארְגֶענְס. אַשֵׁיינֶער מַאיי טָאג. דֶער צוּג דַארְף אָפְּנֶעהָען אוּם אַכְט אוּהְר. עֶס אִיז אַוִוירְוַואר פוּן מֶענְשֶׁען, אַטוּמִיל אַלַארְם, אַשְׁטוּיסֶערַייא. פִילֶע זַיינֶען אִין וַואגְזַאל, פִילֶע אַפֶען פְלַאטְפָארְם, פִילֶע וִוירֶער אַפֶען בַּאהְנְהָאף, וואוּ דִיא אִיזְוָואסְצִיקֶעס שְׁטֵייֶען; וואוּ פַּאסַאזִירֶע קוּמֶען נָאךְ אָן אוּנ שְׁטַיינֶען עֶרְסְט אָבּ פוּן זַייעָרֶע פוּרֶען. עֶס אִיז אַגֶעמִישׁ פוּן אַלֶערְלַייא וָואזְרַאסְטָען (עֶלְטָער): פוּן מִיטֶעלֶע יָארִין, יוּנְגֶע קִינְדֶער אוּנ אוֹיךְ אַלְטֶע, מַאנְס פֶּערְזָאנֶען אוּנ פְרוֹיעֶנְצִימֶער; אָבֶּער אַלֶע יוּדֶען. דִיא גַאנְצֶע מַאסְסֶע אִיז אָרֶעם גֶעקְלֵיידֶעט, פֶערְמָארֶעטֶע אוּנ פֶערְטְרוּיֶערְטֶע גֶעזִיכְטֶער, פִילֶע וַוארִין פֶערְוֵויינְט, אַנְדֶערֶע זָאנַאר הָאבֶּען בִּיטֶערְלִיךְ גֶעוֵוינְט אוּנ גֶעשְׁלוּכְצֶעט, וִויא נָאךְ אַטוּיטֶען. אוֹיךְ דִיא זַייטִינֶע צוּ שׁוּיעֶר הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט גְלַייכְגִילְטִיג צוּ זֶעהָען אַזַא קְלָאג אוּנ הָאבִּין מִיט גֶעוֵויינְט. אוּנ זַייא הָאבֶּען וִוירְקְלִיךְ אוּרְזַאכֶע צוּ וַויינֶען; דֶען דָאס וַוארֶען אַלְץ אוּיס וַואנְדֶערֶע, וֶועלְכֶע גֵייעֶן נָאךְ אַמֶערִיקֶע. אַבּוּים אַז מֶען רַייכְט אוּיס פוּן וָוארְצֶעל אִיז דֶען נִיט צוּ בֶּעדוּיעֶרִין? הַיינְט מֶענְשִׁין, וֶועלְכֶע הָאבֶּען זַייעַר גַאנְצֶעס לֶעבֶּען גֶעוואוּהנְט אוֹיף אַיין אָרְט, וָואס זַייעָרֶע עֶלְטֶערִין הָאבֶּען דָא גֶעלֶעבְּט פִילֶע יַאהְרְהוּנְדֶערְטֶע, וֶועלְכֶע הָאבֶּען דָא גֶעהַאט זַייעַר בְּרוֹיט, זַייעָרֶע פְרֵיידִין אוּנ זַייעָרֶע לֵיידֶען, וֶועלְכֶע הָאבֶּען דָא אוֹיף דֶעם בֵּית עוֹלָם׳ס עֶלְטֶערֶען אוּנ גְרוּיס עֶלְטֶערִין אוּנ פְלֶעגֶען פַאר זַייעַר אַנְדֶענְקֶען אַמָאל אוּיס גִיסֶען

זייער הארץ, — דיזע גייען היינט אוועק ווייט ווייט, אוי וויא! אום ניט מער צוריק צו קומען. א וויא יאמערליך, וויא שוידער האפט איז דאס! זייער יאמער איז נאך שרעקליכער ביא דעם געדאנקען, אז זייא גייען אוועק אין אפרעמדע לאנד, וואו דאס לעבען אונ דיא זיטען זיינען אונז אזוא פרעמד: ווער ווייסט צו וועלען זייא קריגען זייער ברויט? ווער ווייסט צו וועלין זייא האבין וואו דיא קאפ אוועק צו לייגען? דא פארין מאנען פון פרויען אונ פון קינדער זוכען ברויט; עס פארין קינדער פון עלטערין צוא זיין פערוואנעלט אין דער ווייטע וועלט: עס פארען יונגע מענשען זיך זוכען אקאריערע אין לעבען; עס פארין אויך פריילינס, וועלכע וועגען פערשידענע אורזאכען קענען דא צו קיין תכלית ניט קומען, אהין, וואו מען זוכט ווייניגער יחוס אונ ווייניגער געלד. אונטער דען אויס וואנדערין וואַרען אויך אזעלכע, וועלכע וואַרען זייער פריילך צו מוטה: דאס זיינען פרויען, וועלכע פארין צו זייערע מאנען, עלטערין וואס פארין צו קינדער; דיזע זיינען שוין פריילך מיט דער זיסער האפנונג באלד צו זעהען זיך מיט דיא, וועלכע זיינען זייא אזוא ליב; עס ערווארטעט דיא איינע הערצליכע אויפ-נאהמע, רוהיגעס ברויט אונ אפריידליכעס לעבען.

מיט יעדעם פון דיזע אבריינזענדע וואר אטרויעריגע געשיכטע, פון יעדעם איז דא וואס צו בעשרייבען. נאר מיר וועלען זיך אב שטעלען ביא צווייא פערזאנען, וועלכע זיינען געשטאנען דארטין אין אווינקעל, וואַרען פערטיפט אין זייער איינענעם געשפרעך אהנע צו אכטען, וואס ארום זייא טוט זיך, דאס וואַרען צווייא פרויענצימער: איינע אין עלטערע אונ איינע איונגע. אבער מערקווירדיג, זייא וואַרען זייער עהנליך צו איינאנדער. זייא וואַרין פון איין וואוקס, האבען ביידע בלאע אויגען, בלאנדע, האר, איינע צארטע אונ מאטע הויט פארבע, קורץ אלע געזיכטסציגע וואַרען זא ענליך, אז פון ווייטען האט מען זייא גיקענט רעכענען

פאר שוועסטער אדער פאר אצווילינג. דאס וואר אבער אמוטער אונ אטאכטער; דיזע וואר פריש אונ בליהענד, זיבעצען יאהרע אלט; יענע וואר שאן וויא אבגעבליהט, זיבען אונ דרייסיג יאר אלט; אטיפער קימער לאסטעט אויף איר שוין פילע יארען, אונ דיזער קיממער, וויא עס שיינט האט איר גאנץ נידער געשלאגען. זיא וואר נאך גענוג שיין פאר אירע יארען.

זייא שטייען ביידע אונ גיסען זיך מיט טרערין.

פלוצלונג האט זיך דיא מוטער אוואורף געטאן אפען האלז פון איר טאכטער אונ האט ביטערליך אויס געשריען: טאכטער מיינע, מיין איינציגער טרייסט פון מיין לעבען! דוא פארסט פון מיר אוועק, אום ניט מער מיט מיר צוא זעהען זיך... דאס ווערט פארט פון מיר ווערען?

— מוטער מיינע, גראם זיך ניט אזוא איבער מיין אפרייזע... מיר וועלען זיך נאך זעהען... דער אויבערסטער וועט אויף אונז רחמנות האבען אונ וועט...

— א טאכטער מיינע, זאגט ווייטער דיא מוטער כליפענדיג: דוא אליין, אליין ביזטו מיר געבליבען אויף מיין וועלט... מער וויא זיבעצעהען יאר האב איך אבגעהוישט אפינסטערע אונגליק-ליכע ענונה. זיבעצעהן יאר האב איך ניט געוואוסט פון קיין וועלט, פון קיין לעבען! פינסטער אונ טרויעריג זיינען מיינע יונגע יארען אוועק... אין טרערען האב איך מיך געבאדין פון מיין חתונה ביז היינט, אונ דאס וועט קיין ענדע נעמען. דוא אליין מיין טאכטער, ביזט מיר געוועזען מיין טרייסט אונ מיין עלענד, אין דיר אליין האב איך געפילט דיא וואגע פון לעבין; איצטער גייסטו אויך אוועק פון מיר, אונ דיא וועלט בלייבט מיר וויסט אונ לער. מיין הארץ איז מיר נאך ניט פערהיילט ניוואורין פון מיינע אלטע וואונדין, איצטער עפינט זיך מיר מיין הארץ

פאר נאך אוואונדע. . . א נאט, גיב מיר כח אונ קראפט אריבער צוא טראגען !

— מוטער רופט זיך אב דאס פריילין איהר הערצליך אומארמענדיג : ווען מיינע טרענונג פון דיך איז דיר אזוא שווער אריבער צו טראגען, זא וועל איך ניט פארען.

— ניין, מיין טאכטער דוא מוזט פארען ; עס קען אנדערש ניט זיין . . . דיר שטייט פאר אוועלט אונ אגליקליכע צוקונפט. דוא האסט אחתן, וואס ליבט דיך ערנסט ; מיר האבען זיין כאראקטער קענען געלערינט, ער איז גוטהערציג מילד אונ דיר אזוא מבייא ; היינט איז ער בייא אגוטע שטעלע ; איהר וועט האבען רוהיגעס ברויט אונ אצופרידענעם לעבען. דערינען בע-שטייט דאס גאנצע גליק. ער האט דיר געשיקט אשיפסקארטע מיט ריינע קאסטען ; ער ערוואַרטעט דיך מיט אויס געשטרעקטע ארמען. וואס דארף מען בעסער, מיין טאכטער ? ווייטער, בערטהע, ניט פערגעס, אז ער איז אוועק פון דאנען נאך דיין פערלאנגען, אונ דוא האסט אים פערשפראכען צו קומען, גלייך וויא ער וועט שיקען נאך דיר, — היינט וויא קענסטו איצטער ברעכען דיין ווארט ? ער ליבט דיך אזוא ; וויא וועט ער זיך דאס קלעמען, וויא פיל וועט ער דאס ליידען, אז דוא וועסט ניט קומען . . . א איך ווייס גאנץ גוט וואס איז דאס ליידען פון דעם, וואס איז אונטרייא.

— אבער אז דוא גראמסט זיך אזוא איבער מיינע טרענונג, מוטטער.

— איך וועל זיך שטארקען, זאגט דיא מוטער אויס ווישענדיג אירע טרערין, איך וועל זעהען פאסען מוטה דיזען קריזיס אריבער צו טראגען. עס איז נור שווער פון אנפאנג ; שפעטער וועט עס לייכטער ווערין ; איך וועל זיך שוין דער צו אויך צו געוואוינען. עס קען אנדערש ניט זיין ; איך מוז מיך אויפאפפערין פון דיינט

ווענען ; דיין גליק איז מיר טהייערער פאר אלץ . פאר , מיין קינד , געזונטערהייט ; זייא מונטער אונ פרייליך , אונ טרייסט מיך אפט מיט דיינע בריף .

---

# 2.

דיא לעצטע ווערטער האט שוין לאַח (דאס וואר דער נאמען פון דער מוטער) געערעט רוהיגער . זיא האט זיך אנגעשטריינגט , האטם זייער שווער , דער טאכטער זיך רוהיגער צוא צייגען , אום אירע אבריישע זאל איר לייכטער זיין .

— מוטער ! זאגט צו איר בערטהע נאך אייגעם לאנגען פויזע , איגדעם זיא האט געזעהען איר מוטער עטוואס רוהיגער : מוטער , יעצט איז דיא צייט , מיר צו ערקלערען דאס , וואס איך האב דיך אימער געפרעגט אונ וואס דוא פלעגסט זוכען אימער אויס צו מיידען . דער צונג גייט ערסט אב אין אשטונדע ארום ; עס איז נאך דא גענונג צייט מיר אלעס צוא ערציילין . דוא פלעגסט זיך אימער גיסען מיט טרערען , ווען דוא פלעגסט נאר זיין אליין אין צימער ; פלעגסט בעווייגען דיין טרויעריגעם שיקזאל . איך ווייס נור איינס , אז איך האב קיין פאטער ניט אונ אז דיא וועלט רופט דיך עגונה . אונ דער פאטער איז אוועק געפארען אונ ווארום ער האט דיך פערלאסען , האסטו מיר נימאלס געוועלט זאגען . ווער דער שולדיגער צווישען אייך איז , קען איך ניט וויסען . פון דיין ניט וועלען זאגען שייגט , אז דוא האסט שולד דאראן , אונ איך מוז מיין פאטער ווייניגער בעשולדיגען אין זיין אונמענשליכע בעהאנדלונג געגען דיר . ביזטו אבער אונשולדיג , וועל איך אוועק פארען מיט דעם בעוואוסטין זין , אז דוא ביזט ריין איך קען דאך

דיך, ניט אים, מוטער. ווייטער בין איך דאך קיין קינד איך מעג שוין אלעס וויסען.

— דוא ביזט גערעכט, מיין טאכטער; עס איז צייט, דוא זאלסט וויסען מיין טרויעריגע געשיכטע, דעסטא מער ווען דוא פארסט אוועק. פאר אכטצען יאר צוריק בין איך געוועזען אזא שיינעס פריילין, וויא דוא ביזט היינט, אונ איך האב געהאט דיין אנבליק גאר אין גאנצען. מען האט מיר פארנעשלאגען פארטיען, איך פלעג אלע חתנים געפעלין זיין; אבער אן געלד קען קיינע פארטיע צו שטאנדע קומען, וויא געוואוינליך איז, — אונ קיין געלד האב איך ניט געהאט; מיין פאטער וואר דאן געפאלען אין מעמד. איך האב אבער געהאט איין אנקעל זייער אריכען, אונ ער וואר אזוא גוט, ער האט פערשפראכען צו געבין פאר מיר נדן דריי הונדערט רובל; אזים שטייער האב איך געהאט איינע. פאר אונזער שטאנד וואר דאס גענוגליך. מען האט מיר פארגעשלאגען אפארטיע מיט דיין פאטער, ליב ראזענצווייג, אפרי-קאסציג אין אנלאנטעריא געשעפט. ער האט פערלאנגט מעהר נדן; נאר וויל איך בין אים זייער געפעלין געווארין, איז ער דארויף איין געגאנגען: מען האט געמאכט תנאים, דער אנקעל האט געזאגט דעם חתן, אז דיא געלד ליגט בייא אים, אונ וויל ער וואר איין אנגענומענער מענש האט ליב אים געגלויבט. אין אפאר מאנאט ארום איז געוועזען אונזער חתונה, אונ דער אנקעל האט געזאגט, אז דאס געלד דער לאנגט ער אים אויף מארגען.

אין איינעגע טעג ארום איז ליב געגאנגען נאך דאס געלד, האט דער אנקעל אים אלין מודה געוועזען פון איין טאג אויף דעם אנדערען. ביז ענדליך האט ער אים געזאגט גאנץ אפען: דוא האסט בייא מיר קיין געלד ניט, אונ איך וועל דיר ניט געבין קיין געלד. דאס האב איך נאר געזאגט, אום דוא זאלסט הייראטהען מיין פלימעניצע. איצטער נאך דער חתונה מאכט שוין ניט

אוים . — דיין פאטער וואר מעהר אהיציגער מענש אונ זייער געלד גיריג ; דיזע קאלטבליטיגער אנטווארט האט אים העכסט אויפגע־בראכט , ער האט דעם אנקעל גוט אנגעזידעלט אונ אנגעשרייא געטאן : איצטער האלט איהר זיך מיט אייער פלימעניצע ! האט אקלאפ געטאן מיט דער טיר אונ איז ארויס .

ער איז ארויס , אונ איז שוין מעהר ניט געקומען . דאס וואר דרייא וואכען נאך אונזער האכצייט . אז ער איז דעם ערסטין אבענד ניט געקומען אהיים צו זיין געוואהנליכע שטונדע , בין איך גלייך געלאפען אים פרעגין בייא דעם פרינציפאל אונ בייא אנדערע בעקאנטע , — ער וואר נירגענדס צו פינדען . אויף מארגען איז ער אויך ניט געוועזן אונ אויף איבער מארגען ווידער ניט ; איך האב איהם אימער געזוכט אונ נאך געפרעגט , — קיינער ווייס גיט . דאן האב איך ערפאהרען , אז ער וואר בייא דעם אנקעל נאך דיא געלד , וואס דער אנקעל האט איהם גיענטפערט אונ וואס ער האט איהם געזאגט ביין ארויס געהן פון זיין הויז . עס איז מיר פינסטער געווארין אין דיא אויגען אונ איך האב געפיהלט , מיין הארץ האט זיך אבגעריסען . איך האב גלייך פערקויפט אלע מיינע ווירטשאפט , האב זיך געלאזט פאהרען איהם זוכען . נאר אלעס וואר אומזאנסט ; איך בין געקומען אהיים מיט דעם בלוטיגען נאמען עגונה . נאך מיין קומען ביזט מיר געבארען געווארין , מיין טאכטער . דיר האב איך מיר ערנעפען אין גאנצין אונ אין דיר האב איך געזוכט מיין טרייסט . צו מיין גוטען אנקעל בין איך מעהר ניט געגאנגען , אונ ער האט זיך דאריבער ניט געקימערט . איך האב גענומען ארבייטען , אונ מיט מיינער ארבייט האב איך מיך ערנעהרט , ניט רייך אבער גענינגליך פאר אונזביידען . דער ווייל דיא יאהרען געהען דאהין . איך האב אין שטילען בעוויינט מיין אונגליק אונ האב דאך ניט אויפגעהערט צוא האפען . עפעס דאס הערץ זאגט מיר , אז אזוי דארף זיך מיין וועלט ניט ענדיגען .

(דיא חופה)

ביא דיא רייד האט זיך געלאזט הערען דער וואנאק. דיא פאסאזירע האבען גענומען לויפען אין דיא וואגאנעם. בערטע האט זיך היים צו קוסט מיט איהר מוטער, האט זיך קוים ארויס געריסען פון איהרע ארמען אונ איז אריין אין וואגאן. באלד האט זיך דער צוג גערירט פון ארט, עס האט ארים געטאן אלעמענס הערצער, טרערין האט אויסגעשטירצט ביא אלעמען פון דיא אויגען, אונ דער צוג איז אוועק.

---

## 3.

אלאנגע צייט איז געשטאנען לאה וויא אשטאטוע אונ האט געקוקט פון ווייטען אויף דעם רויך, וואס האט אוועק געטראגען איהר שאטין, איהרען לעטצטען טרייסט. וויא דער רויך איז פער־שוואונדען געווארין, האט זיך ערסט געעפינט איהרע קוואלען פון טרערין. זיא איז אוועק אהיים אונ האט זיך איבער געבען איהרען קומער גאר אין גאנצען. זיא האט יעטצט ניט פאר וועמען צוא היטען זיך, נועמען צו שאנען; זיא האט געוויינט אונ געקלאגט אגאנצען טאג, אי אויף איהר נייע אי אויף איהר אלטע צרה.

אויף מארגען האט זיא שוין ניט געוויינט; אויף איבער מארגען איז זיא שוין געווארען רוהיגער. יא, דיא צייט איז דער איינציגע היילמיטעל פאר אלע ליידען; דיא צייט ענדערט אלעס אויף דער וועלט, זא וויא פון גוט צו שלעכט, אזוי פון שלעכט צו גוט; בעשטענדיגעס איז ניטא אויף דער וועלט.

נאך איניגע טעג האט לאה ערהאלטען פון בערטען בריף: צון קעניגסבערג, פון בערלין אונ פון האמבורג. זיא שרייבט איר,

אז זיא איז פאלקאמע רוהיג אונ מונטער, האט פריילִיכע געזעלשאפט, אונ זיא בעט, דיא מוטער זאל רוהיג זיין, זיא וועט נור איר איינציגע זארגע האבען, איר שיקזאל צו פערבעסערן.

אין פינף וואכען ארום האט לאה ערהאלטען פון בערטהען דיזען בריף, „ליבע טרייע מוטער! איך האב דיר פיל גוטעס אונ פרעהליכעס מיט צו טיילען. האָרך זיך איין, ליבע מוטער, אונ זעה, וויא דער ליבער גאט האט זיך איבער אונז ערבארימט אונ האט פאר אונז בערייטעט אגוטע אונ פיליכט נאך אגלענצענדע צוקונפט. דוא ווייסט גאנץ גוט, אז מיין שיקזאל איז פערבונדין מיט דיינעם, אונ וויא מיר וועט זיין, אזוא וועט דיר זיין. איך האב דיר אלע מאל געזאגט, אז מיין איינציגער וואונש איז, מיר זאלען לעבען צו זאמען, אונ אזוא וועט עס אי״ה זיין.

צו ערסט וועל איך דיר ערציילען פון מיין רייזע, נאכהער פון מיין אנקומען. צוועלף טעג זיינען מיר געוועזען אפען ים; מער וויא הימעל אונ וואסער וואר גיט צוא זעהען. עס גיבט קיין בעסערער פערגניגען אין דער וועלט, וויא צו זיין אפען ים אין אשיינעם זומער טאג. מיר האבען געהאט שענעם וועטער: אבלאען הימיל מיט דיא גלענצענדע זון פון אויבען, אונ אהעל גרינעם וואסער מיט דען זאנגעשטראלען בעזילבערט פון אונטין. דיא וועלען וארען גאנץ קליינע אונ אונזער שיף האט געשוועבט אויף דען זעלבען וויא איין ענטעל. דער האריצאנט (דער קרייז וואו עס קומען צו זאמען דער הימעל אונ דיא ערד) האט אויס געזעהען קלענער וויא אויף דעם לאנדע. וואס וייטער צום האריצאנט האט דאס וואסער אויס געזעהען, וויא ער גייט בארג ארויף. מיר פלעגען גאנצע טעג צו שטיין אויף דעם פארדעק אונ מיר האבען אונז ניט געקענט זאט אנקוקען דיא הערליכקייט פון דער נאטור. דיא לופט וואר ריין אונ ערקוויקענד; איך האב מיר

גיע וואס הערליכערעס פארגעשטעלט . ביי דער נאכט האט דיזער אנבליק געהאט אין זיך עטוואס צויבערישעס אונ שרעקליכעס צו זאמען ; דאס וואסער איז שווארץ אונ רוישט שוידער האפט . איין טאג האבען מיר געהאט שטורם : דיא וועלען זיינען געווארען וויא ריזענהאפטע בערגע אונ גוואלדיגער בעוועגונג . דאס שיף , וואס איז גרויס וויא ביי אונז אגאנצע גאס , ווארפט עס וויא אשפיל באל פון בערג צו בערג . מיר זעהען , עס גייט אונז ענטקעגען אבארג , וועלכער שיינט אונז אלעמען איין צושלינגען ; אבער דאס שיף שוועבט ארויף אונ נאכהער לאזט זיא זיך אראב אין טיפען אבגרונד , אונ אויף איין אנדער בארג ווידער צו שטייגען ; דער צו איז דער גערויש פירכטערליך . נאר מיר האט עס ניט געקימערט : איך האב געוואוסט גאנץ גוט , אז דאס שיף איז שטארק , אונ שיפבראך טרעפט זייער זעלטען . באלד איז געווארין ווידער שטיל , אונ דאס שיף איז געגאנגען וויא אויף אטיש .

זעע קראנקהייט האב איך געהאט נור איין טאג : איך האב געהאט קאפפשמערצען אונ האב אימער וואמירט (געבראכען) . אונ דיזע קראנקהייט ליידעט יעדער פאסאזיר אפען ים דיא ערסטע טעג ; אבער עס שאדעט ניט ; וויא דיא קראנקהייט גייט איבער , איז מען שוין געזונד .

געזעלשאפט אפען שיף האב איך געהאט גאנץ ארענטליכע מענשען , מיר פלעגען דיא צייט זייער גוט צו ברייננגען . איך האב נאר געזארגט וועגען דיר , ליבע מוטער . וויא מיר זיינען אנגיקומען אין ניואָרק , האט מען אונז אב געהאלטען אין קעסיל גארדען . פון דארט האב איך טעלעגראפירט צוא איזאקען אין ציגציגאטי אויף מארגען איז ער געקומען נאך מיר , אונ מיר זיינען גלייך אוועק געפארען נאך צינציגאטי .

דא האט ער מיך גלייך אב געפירט אויף אקוואטיר , וואס ער האט שוין גיהאט געדונגען פאר מיר אין אארענטליכע פאמיליע , דא האב איך איין אפארטעס צימער אנשטענדיג מעבלירט , טיש אונ

(דיא חופה

מיטהע (דירה) איז אויף איזאקס רעכנונג, ער וויל ניט, איך זאל ארבייטען; דען ער פערדינט גאנץ גוט. ער איז קאמי (פריקאסציק) אין אנרויסען קליידער געשעפט, האט ביז צעהען דאללאר אוואך. אדאלער איז אונזערע צווייא רובל אונגעפער. דער מיט קען מען דא זייער אנשטענדיג לעבען. אונ דוא, מיין ליבע מוטער, וועסט קענען לעבין מיט אונז צו זאמען אין פערגניגען, אונ דוא וועסט זיין געטרייסט פאר אלעס, וואס דוא האסט געליטען אויף דיין וועלט. אין דעם צווייטען בריף וועל איך דיר צושיקען אשיפס־קארטע מיט רייזע קאסטען, אז דוא זאלסט גלייך קומען צו אונז; דען אן דיר, ליבע מוטער, איז מיין פריידע קיין פריידע ניט אונ מיין גליק ניט פאלקאמען, איך וויל דורכאויס, דוא זאלסט מיט אונז צו זאמען געניסין דיא פריידין; וואס גאט בעשערט אונז, אונ דוא זאלסט שוין ניט מער לעבין אין עלינד אונ אין נויט. איזאק פערלאנגט אויך דורך אויס, דוא זאלסט לעבען מיט אונז צוזאמען; ער וויל דיך עהרען אונ אכטען וויא אליבליבע מוטער. אונ גלייך וויא דוא וועסט קומען, וועלין מיר פייערין אונזער האכציט מיט גליק אונ דוא, ליבע מוטער, וועסט זעגנען אונזער בונד:

אין דער האפפונג דיך באלד צו זעהען ליבע מוטער, צייכנע

איך דיין דיך הערצליך ליבענדע טאכטער ברטהע.

וואס פאר אפריידע דיזער בריף האט לאהן פערשאפט, קען זיך דער לעזער פארשטעלען. זיא איז שוין געווארען פריילאך אונ מונטער אונ איז נור געוועזען אין דער פרייליכע ערווארטונג אויף דעם צווייטען בריף.

אין אמאנאט ארום איז איר ווידער אנגעקומען אפרייליכעס בריף מיט איינשלוס פון אשיפס קארטע צווייטער קלאסע מיט רייזע געלד.

לאה האט גלייך גענומען פערקויפען אירע ווירטשאפט אונ זיך בערייטען צו דער רייזע. אין דרייא וואכען ארום. איז זיא ארויס געפארען.

(דיא סופה) יעצט

יעצט , מיינע ליבע לעזער , לאמיר זיך אריבער טראגען אין ציגצינאטי אונ זעהען , וואס דארטין טוט זיך מיט דיא העלדין פון אונזער ערצייהלונג , צו וועט דיא אונגליקליכע לאה זייא ווירקליך געפינען אין רעכטין גלאנץ פון גליק , וויא בערטהע האט איהר געשריבען , אדער ניט .

# 4.

עס איז שוין ביינאהע צווייא מאנאטע , וויא בערטהע איז אין אמעריקא . זיא זיצט אויף איהר קוואטיר גאנץ רוהיג , האט פון אלעם גוטען ; טוט קיין ארבעט , לערינט נור די ענגלישע שפראכע . איזאק זאנדבערג , איהר חתן , קומט צו איהר אלע אבענד , גייט מיט איהר שפאצירען ; אם זאנטאג מאכט ער מיט איהר איינע שפאציר פאהרט אויסען שטאט , ווייזט אלע מערקווירדיגקייט פון אמעריקא ; פון אבענד בעזוכען זייא דאס טהעאטר . אונ זייער געשפרעך פלעגען זייא אימער ריידען פון זייער קינפטיגין עהעלעבין , וויא זייא וועלען זוכען איהר מוטער . דער אונגליקליכער ענונה , אלע פריידען צו פערשאפען , אום צו מאכין איהר פערגעסין איהר טיפען קיממער וואס נאגט איהר אזוא דאס הערץ . דיא יונגע מענשין ווארען פאלקאממען צו פרידען פון איינאנדער , האבען זיך הערצליך געליבט אונ האבען שוין גערעכינט זייער גליק איז ערבוייט .

פלוצלונג האט זיך איבער צאגען איבער זייא אשווארצער וואלקען אונ האט מיט געבראכט דונער אונ בליץ , זייער גליק צו צערטרימערין אונ צערשמעטערען .

דאס ווייסען מיר, אז איזאק וואר אנגעשטעלט אלעס קאמי א״ז אנרוויסען קליידער געשעפט. ער ווארווירקליך אטיכטיגער ארבייטער, אטרייער דינער און זייער איין ארענטליכער מאן. ער האט זיך בייא זיין פרינציפאל לעאן הימעלפיין זייער בעליבט געמאכט, דיזער וואר איין זייער רייכער מאן, האט געהאט צווייא קליידער שאפען (מאגאזינען), איינער פיר הערען, איינער פיהר דאמענקליידער, איינינע ווערק שאפען (מאסטערסקאיעס) האבען פאר איהם געארבייטעט. איזאקס טהון איז ניט געוועזען ביין פער־קויפען, ווייל ער האט נאך דיא שפראך ניט גיקענט; נאר ביין אבגעבען און אבנעהמען דיא ארבייט פון דיא ווערקשאפס און נאך אזעלכע ארבייטען, וואו דיא ענגלישע שפראכע איז ניט נייטהיג. קורץ דאס וואר איינע אהט שטעלע, וואס מעהר וויא דא האט ער ניט געקענט טויגען.

הערר לעאן הימעלפיין וואר אמאן איאהר פירציג פון מיטעלען וואוקס, מיט אראזירטען בארד, וויא דארטען דיא מאדע איז, מיט אשטרענגען און קלוגען בליק, ער וואר און פערהייראטהעט.

איין מאל איז איזאק צו געגאנגען צום שאפ, און בערטהא האט איהם בעגלייטעט: ביין טהיר האט ער איהר געבייכט דיא האנד און איז אריין אין מאגאזין.

— לעאן איז אבער געשטאנען אין טהיר און האט דאס צו געזעהען.

— ווער איז דאס פריילין, פרעגט ער איהם.

— דאס איז מיין כלה, געקומען פון רוסלאנד.

— אזויא דוא האסט אכלה און מיר זאגסטו ניט.

— איך האב ניט געהאט קיין געלעגענהייט וועגען דעם צוא ריידען, מיין הערר, ענטפערט איזאק פערלעגען: נאר מיר וועלען באלד פייערן אונזער האכצייט, וועל איך האבען דיא עהרע, זיא מיין הערר צוא בעטען מיין פריידענפעסט צוא בעווירדיגען.

— דוא האסט ניט נוך געטאן, איזאק. דוא האסט מיר געדארפט פארשטעלען דיין כלה, אום זיא זאל זעהען אויף וואס פאר א שטעלע דוא ביזט אונ אויף וואס פאר אפוס דוא שטייסט. נאר עס שאדעט ניכט; דוא קענסט נאך דיין פעהלער ווידער גוט מאכען: קום מארגען מיט איהר צו מיר אויף טייא... אדער בעסער צוא דינער (צוא מיטאג עסען) איך וויל טאקע אויך האבען דיא געלעגענהייט, עטוואס נאך פרעגען אויף רוסלאנד.

— אייער וואונש וועט ערפיהלט ווערען, מיין הערר! האט איזאק גיענטפערט אונ האט זיך גענומען צו זיין ארבייט.

לעאן האט זיך אוועק געזעצט ביין פולט, האט אנגעשטיצט דען קאפף אן ביידע הענד אונ האט זיך פערזונקען אין געדאנקען.

---

## 5.

אויף מארגען איז איזאק אונ בערטהא געקומען צו לעאן הימפעלפיין צום מיטאג עסען, וויא ער האט פון זייא פארלאנגט. דער טיש וואר סערווירט נור פאר דרייען, אויסער זייא וואר קיינער אים צימער. נאך דער ערסטע בעגריסונג, האט לעאן זייא געבעטען צום טיש; האט געטרונקען אויף זייער וואהל זיין, נאכהער האט ער איהר נאך געפרעגט פון וואנען אונ ווער זיא איז. בערטהא האט גיענטפערט, אז זיא איז א יתומה, איהר פאטער איז געשטארבען, דען עס וואר איהר זייער אונאנגענעהם צו זאגען, אז איהר מוטער איז איין עגונה: דער מיט בעליידיגט זיא איהר פאטער, וועלכען דיא וועלט פערהאסט פאר אזא נידערטרעכטיגקייט; אונ אויך איהר מוטער, וועלכע האט געוויס העסליכע פעהלער, אז זיא האט געבראכט דאצו.

מען האט אויפגעטראגען פערשיידענע געריכטען אונ געטרענקע. אבער מען האט ווייניג גערעדט. לעאן האט פון בערטהען דיא אויגען ניט אראב געלאזען, פלעגט איהר שטאר אנקוקען אונ בעוואונדערין איהרע שיינהייט; דא פלעגט ער נעהמען ארום ניין איבערין צימער פערזונקען אין געדאנקען. אונ אז דער פרינציפאל שווייגט, האבען זייא שוין אויך געמוזט שווייגען.

איזאקען איז זייער ניט געפעלען געווארען, וואס לעאן קוקט איהר אזוי אן, אונ בערטהא האט זיך געפונען אין פערלעגענהייט. זייא האבען ביידע געווינשט, דיזער וויזיט זאל זיך ענדיגען אונ זייא זאלען שוין קענען אוועק גיין פון דאנען.

לעאן איז געזעסען פון ווייטען אונ רעדט צו זיך: איך ווייס ניט, וואס ציהט מיך אזויא צו דיזען קינד... ניט איהר שיינקייט אליין... עפעס אגעהיימער צויבער שוועבט איבער איהר, אונ דיזער צויבער האלט מיך אהן אן איהר מיט אייזערנע צוואנגען. איך קען איהר פון דאנען ניט אוועק לאזען... זיא מוז דא בייא מיר בלייבען... אונ פאר וואס ניט הייראטהען? גענוג מיר שוין צו פיהרען איין איינזאמעס לעבען... איך בין רייך, אבער ניט גליקליך, מיר פעהלט דאס פאמיליענגליק, אונ וויא לאנג נאך זאל איך ווארטען? פון אלע פארטיען, וואס מען האט מיר פארגעשלאגען, געפעלט מיר קיינע. נאר דיזע האט מיין הארץ צוא גענומען, איך וועל איהר דאס פארשלאגען, אונ איך מיין, זיא וועט דאס אנגעהמען מיט פריידען. וואס איז? איך בין אמאן פון מיטעלע יאהרען אונ דער צוא אזויא רייך. אפרויענצימער וויל נאר האבען קליידער, צירונג אונ טעאטער, אונ דאס קען זיא נאר בייא מיר האבען, ניט בייא דעם ארעמען איזאקען, וואו זיא איז נאך ניט זיכער מיט איהר ברויט אויך. נאר אויב מיט גוטען וועט עס ניט גיין, וועל איך אנהייבען מיט בייזען: איך וועל איהם ענטזאגען פון דער שטעלע.

מָען הָאט אַרוּף גֶעטָאן איזאקען פון מַאגַאזִין , וָועלְכָער וַואר אונְטָער לעאנס וָואהנוּנְג . עָר אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען , אוּנ בערטהא אִיז גֶעבְּלִיבֶּען מיט לעאן אַלְלֵיין אִין צִימְמֶער . עָר אִיז אַפָּאר מָאל אַרוּם גֶעגַאנְגֶען הִין אוּנ צוּרִיק אִין הֶעפְטִיגֶער בֶּעוֶועגוּנְג , דַאן שְׁטָעלְט עָר זִיךְ אָב גֶעבֶּען אִיהר אוּנ זָאגְט :

— פְרֵיילִין , אִיךְ ווִיל מִיט אַייךְ עֶטְוָואס וִויכְטִיגֶעס רֶעדֶען . זִיא קוּקְט אִיהם אָן אִין עֶרְוַוארְטוּנְג . וָואס וֶועט עָר דָא אִיהר זָאגֶען .

אִיךְ בִּין גָאט זַייא דַאנְק רֵייךְ . דָער אוֹיבֶּערְסְטָער הָאט מִיר גֶעהָאלְפֶען , אִיךְ הָאבּ צְוֵוייא מַאגַאזִינֶען . . . פִּיעלֶע מֶענְשֶׁען הָאבֶּען בַּייא מִיר בְּרוֹיט .

— זָאל אַייךְ גָאט הֶעלְפֶען , מַיין הָערְר : זַייט אַייךְ רֵייךְ אוּנ גְלִיקְלִיךְ וִויא אִיהר ווִינְשְׁט זִיךְ אַלְלֵיין .

— זֶעהָען זִיא , פְרֵיילִין , גְלִיקְלִיךְ בִּין אִיךְ יַא נִיט . אִיךְ לֶעבּ אַיינֶער אַלְלֵיין , הָאבּ קֵיינֶען פְרַיינְד , אָדֶער בֶּעסֶער צוּא זָאגֶען , קֵיינֶע לֶעבֶּענְס פְרַיינְדִין , וָועלְכֶע זָאל מִיר פֶערְזִיסֶען מַיין לֶעבֶּען אוּנ וֶועלְכֶע זָאל מִיט מִיר מִיטְהֵיילֶען אַלְלֶע לֶעבֶּענְס פֶערְגֶעניגֶע , וֶועלְכֶע דָער רַייכְטְהוּם גֶעוָואהְרֶען קַאן .

בערטהא הָאט עֶרְרַאטְהָען וואוּהִין עָר צִילְט זִיךְ ; אָבֶּער זִיא הָאט דָאס נִיט גִיקֶענְט גְלוֹיבֶּען אוּנ עֶנְטְפֶערְט : וָוארוּם הַייַראטְהֶען זִיא דֶען נִיכְט , מַיין הָערְר אַמַאן אִין מִיטְטֶעלֶע יָאהְרֶען אוּנ בַּייא אַזַא שְׁטַאנְד , קֶען טָאן דִיא גְלֶענְצֶענְדְסְטֶע פַּארְטִיע , יֶעדֶעס פְרֵיילִין ווִירְד רֶעכֶענֶען פַאר אַגְלִיק אִיהרֶע פְרוֹיא צוּ זַיין .

— זִיא מֵיינֶען ? פְרֶעגְט עָר אִינְדֶעם דִיא אוֹיגֶען הָאבֶּען אִים גֶעפִינְקֶעלְט פַאר פְרֵיידֶע .

— יַא . עֶנְטְפֶערְט זִיא פֶערְלֶעגֶען .

— אַלְזָא , מַיין פְרֵיילִין , בִּיטְטֶע , זַייעֶן זִיא דִיזֶע גְלִיקְלִיכֶע .

— וָואס מֵיינֶען זִיא דַאמִיט מַיין הָערְר ? .

— גאַנץ אײנפאַך, איך בּיטטע איהרע האַנד אונ זייט מיין פרויא.

בערטהא האט אַראָב געלאָזען איהרע אויגען, אונ איהר געזיכט האט זיך געפיטען אין אַלערלייא פאַרבּען.

עס וואר איינע פויזע. ער וואַרט איהרע אַנטוואָרט, אָבּער זיא שווייגט. ענדליך זאגט ער: פריילין, זיא וואָלען מיר ניט ענטפערין?

— איך דאַנק אייך, מיין הער, פאר אייער פאָרשלאַג.. אָבּער...

— וואס אָבּער?

— איך האב דאך אַהתן, ענטפערט זיא, אימער איהם ניט אַנקוקענדיג.

— איז שוין געוועזן בּייא אייך תּנאים? פרעגט ער.

— אונזער יאַ וואָרט איז אונזערע תּנאים, זאגט זיא.

— איין וואָרט קען קיינע ראָלע שפּילען, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען דיא לעבענספראַגע. קענט איהר דען פערגלייכען דאס אָרעמע לעבין מיט איזאַקען אונ דאס לעבען מיט מיר. וואו עס וועט אייך קיין פערגעניגען אין דער וועלט ניט פעהלען?

— גליק קען מען אין אַרמוטה אויך פינדען, זאגט זיא.

— אַ ליבּע! זאגט ער איראָניש, דאס זיינען קינדערשע פאַנטאַזיען. צאנק אונ שטרייט האָבּען מיר הויפיג געזעהען בּייא דיא יונגע עהעפּאַאר, וואו פון אָנפאַנג האט דיא ליבּע גיבּרענט וויא אַפייער; אונ פאר קערצט האָבּען מיר הויפיג גיזעהען, אַז דיא פרויא געניסט אַרוהיגעס פרידליכעס לעבּען דוקא מיט אַמאַן, וואס איז פיל עלטער פאר איהר. קורץ, פריילין. וואס קומט אַרויס פון די פהילאָזאָפּיע? איך בּעט אייך, אוים מיטלייד ענטזאַגט מיר ניט. איך קען אייך פון מיר ניט אַוועק לאָזען; איהר מוזט וואוהנען מיט מיר צו זאַמען, איהר מוזט זיין מיין פרויא. פערלאַנגט פון מיר וואס איהר ווילט: איך וויל אַלעס טאָן; נאר ענטזאַגט

מיר ניט .... מיין הארץ זאגט עס מיר , איך קען אהן אייך ניט לעבען .

אונ מיט דיא רייד האט ער איהר אזוי מילד אנגעקוקט , אז זיא וואר געריהרט .

— אבער , זאגט זיא מיט אזיפץ : דער ארעמער איזאק וויא פיל וועט ער דאס ליידען דאדורך !

— איך וועל איהם געבען טויזענד דאללער , אדער מאכען פאר אמענעדזער (אגעשעפטס פיהרער) איבער אללע מיינע געשעפטען , אונ ער וועט זיך דער מיט צו פרידען שטעלען .

— איך וועל מיר איבער לייגען , זאגט זיא .

— זייער רעכט , זאגט ער , אונ איך וועל דער ווייל ריידען מיט איזאקען , אונ איך האפפע , ער וועט נאכגעבען ; דען איך וועל איהם געבען אללעס , וואס ער וועט פון מיר פאר לאנגען .

זיא האט פון איהם אבשייד גענומען אונ איז ארויס געגאנגען : פון מאגאזין האט איהר איזאק בעגלייטעט אקליינע שטרעקע אונ איז אוועק צו ריק אין שאפ . אונ זיא איז אוועק אויף איהר קוואטיר :

## 6.

דעם זעלבען אבענד איז בערטהא געזעסען בייא זיך אין צימער , אונ דענקט נאך וועגען איהר קריטישע לאגע , אונ וועלכע זיא בעפינדעט זיך יעטצט , זיא איינע אליין , קיינער איז נעבען איהר , מיט וועמען זיך צו בעראטהען , זיא איז בלאס , האלט דען קאפף אנגעשטיטצט אן איהר האנד ; גרויסע טרערענ-טראפפען קייקלען זיך איבער איהר געזיכט . פלוצלונג גיט זיא

אבראך מיט דיא הענד אונ זאגט; פאר פאלען איך מוז נאך לעבען . . . עס איז קיין אנדער אויס גאנג פאר מיר ניטא! . . . אה וויא צעריסען איז אין מיר מיין הארץ! . . . אין איהם האב איך נעפונען מיין גליק, מיין לעבען . . . וואס פאר אשיינע צוא קונפט מיר איז דאס פארגעשטאנען מיט איהם צוא זאממען . . . אונ איצטער אשטארקע האנד האט אונז פאנאנדער געריסען, אונ מיר קענען געגען איהם ניט קעמפפען.

אבער וויא זעלטען איז דאס, איך קען אויף דעם מאן ניט בייז זיין . . . איך פיהל צוא איהם קיינען האסס, אונ פארקעהרט מעהר צונייגונג. איך וויים ניט, וואס קען דאס זיין . . . מיין הארץ ציהט מיך צוא איהם . . . איך וויל זיין נעבען איהם . . . עפעס אגעהיימע קראפט פעסעלט מיך אן איהם אונ דיזער קראפט צעררייסט מיינע ליבע צוא איזאקען.

מען האט אנגעקלאפט אין טהיר, עס איז אריין איזאק. ער איז בלייך, די האאר צו פודערט, שיינט זייער נידערגעשלאגען ער זעצט זיך אנידער אונ רעדט אוואָרט ניט, זייא ווייסען ביידע, וואו עס האלט היינט מיט זייער בונד. ענדליך זאגט זיא: דוא ווייסט שוין אללעס?

— אה זאגט ער מיט אזיפץ. איך וויים שוין צו פיל. ער האט מיר איבער געגעבען וואס ער האט מיט דיר גערעדט, אונ מיר האט ער נאך געזאגט, איך זאל זיך אויס קלייבען איינס פון דיא ביידע: ענטוועדער נעהמען געלד, וויא פיל איך וויל, אדער איך זאל זיך שוין ענטזאגען פון דער שטעללע.

— וואס האסטו געענטפערט?

— איך האב געענטפערט, נאטירליך, איך וועל מיך בעדענקען. אבער איך האב מיך בעשלאסען, איך וועל זיך ענטזאגען פון דער שטעללע.

— אונ וואס וועסטו טאן? ניט פארגעס איזאק, אז אנדערס וואו קענסטו אזא שטעלע ניט בעטרעטען: ערסטען

קענסטו נאך דיא שפראכע ניט, אונ צווייטען האסטו קיין פראטעקציאן ניט.

— איז וויא דען מיינסטו? זאל איך דען איינלאזען אַרויס רייסען מיין הארץ, מיין לעבען מיט אלע מיינע זיסע האפפענונגען? אה ניין, דאס קען איך ניט. שיידען דוא וועסט זיך ענטזאגען פון מיר, דאן וועל איך שוין שווייגען.

— גלויב מיר, איזאק, אז מיר איז ניט ווייניגער ביטטער צוא שיידען זיך פון דיר, וויא דיר פון מיר... מיין וואונדע ברענט אין מיר וויא אפייער; אבער וואס מאכט מען? דיא נשמה קען מען ניט אויסשפייען:

— איך וועל גיין טאן אלע שווערע ארבייט, איך וועל גיין טראגען שטיינקוילען אפען האפען... איך וועל אללע געלד דיר אוועק געבען, דיר זאל קיין זאך ניט פעהלען; אונ איך וועל מיך בעגניגען מיט טרוקענעס ברויט.

— דוא ביזט זייער גוט, ליבער איזאק, זאגט זיא מיט טרערען אויף דיא אויגען. אבער ניט מיין, אז מיר קען זיין גוט דער פון, ווען דוא וועסט ארבייטען וויא איין עזעל. ווייטער וועל איך דיר זאגען נאך אזאך: ניט פארגעס, אז מיין מוטער איז שוין אויף דער רייזע צו קומען אהער. איך האב איהר געגעבען דיא גלענצענדע האפפענונגען, אז זיא וועט דא געפינען ארוהיגעס פערגעניגענס פאללעס לעבען. היינט שטעל זיך פאהר איהר יאמער, אז זיא וועט דיך געפינען אקוילענטרעגער אונ מיר ליידען ביידע דיא גרעסטע נויט. דער צוא דארפסטו דיך נאך דער מאנען, אז מיין מוטער האט אבגעלעבט אפינסטערע וועלט, אונ מיין איינציגע זארגע איז אימטער גיוועזן, אלעס אנצווענדען, אום איהר מאנכע טרייסט צו פערשאפען פאר אלעס, וואס זיא איז אויס געשטאנען, אלזא, ליבער איזאק. קען איך דען צוא ליב מיינע ליבעס געפיהלע אויף אפפערין מיין אונגליקליכע מוטער?...

מיין ליבער! פאר פאלען, צו ליב איהר וועל איך מיך אויפאפפערן, ויא האט גענוג געליטען; לאז זיא שוין מעהר ניט ליידען.

— אלזא ערגיבסט דוא דיך איהם? זאגט ער מיט איין הייזעריגע שטימע.

— צוא ליב מיין מוטער מוז איך דאס טאן.

מיט דיא רייד איז זיא איהם געפאללען אפען האלז אונ האט גענומען חליפען.

— פערציהע מיר, פערציהע מיר, ליבער איזאק. דיא וואונדע פון אונזער ליבע וועט ניע אויף הערען צוא ברענען, מיין לעבען איז פערלארען, מיין מוטער מוז איך טרייסטען.

— נא, זאגט ער, אונ האט אמאך געטאן מיטין האנד פערצווייפלונגס פאלל: דוא ביזט גערעכט... טהוא וויא דוא פערשטייסט... אדיע.

ער האט זיך ארויס געריסען פון איהרע ארעמען אונ ייט אוועק.

— דוא גייסט צוא ריק אין מאגאזין?

— איך ווייס ניט.

— איך בעט דיך, גייא צוא ריק אין מאגאזין... גיב מיר איין טרייסט, איך זאל דיך קענען אפט זעהען.

— פוסטע רייד, זאגט ער. האט געעפינט דיא טהיר אונ איז אוועק.

בערטהא איז געבליבען נידערגעשלאגען.

---

# 7.

אויף מארגען אין דער פריה איז געקומען אמענטש פון לעאן" הימעלפיין פרעגען איהרען בעשייד וועגען דער זאכע,

וואס ער האט איהר געבטען פארגעשלאגען. זיא האט גיענטפערט: זיא האט זיך בעשלאסען אויף יע.

דאן האט ער איהר געזאגט, עס ווארט אונטען אקערידש (אקאדעטע), הערר הימטעלפיין בעט איהר, זיא זאל אריבער פאהרען אויף איין אנדער לאדזינג (קוואטיר), וועלכע איז בערייטעט פאר איהר. וויא עס גיהערט צוא זיין.

זיא האט זיך גלייך פאנאנדער גירעכענט מיט איהר לאדזי מיסיס (ווירטהין), איז אראב אונטען, האט זיך גיזעצט אין קערידש, אויבען האט מען געלייגט איהרע געפעק, אונ זיא איז אוועק געפאהרען אויף איין אנדער וואוהנונג, וועלכע וואר גרויס אונ רייך מעבעלירט. דארט וואר שוין אקעכין מיט אדינסט בערייט איהר צו דינסטען.

אין אשטונדע ארום איז געקומען לעאן, האט איהר פערזיכערט, אז זיא וועט האבען ביי איהם איין גליקליכעס לעבין.

מען האט אויפגעטראגען דאס ברעק פעסט (פריהשטיק) אונ זייא האבען גיגעסען צו זאממען. ער האט איהר געזאגט, אז ער ווינשט, זייא זאלין באלד פייערין זייער האכצייט, אונ זיא זאל איהם דאס ניט ענטזאגען, זיא האט איהם גיבעטען זייא זאלען אם ווייניגסטען ווארטען ביז איהר מוטטער קומט, וועלכע איז יעצט אין וועג, איהר דאס פערגעניגען פערשאפען צוא פיהרען איהר צוא דער חופה. דערויף איז ער איינגעגאנגען. אונ זייא האבען אויך איינגעשטימט, אז דיא חופה זאל טאקע זיין דעם זעלבען טאג פון איהר קומען, אום איהר דאמיט איינע איבערראשונג צוא מאכען, אונ צווייטען זאל זיא ניט האבען דען מינדעסטען פערדאכט (חשד) אז זיא איז פיליכט ניט מעהר וויא אגעליבטע פון דעם רייכען מאן, אונ לעבט מיט איהם אויף קאנטראקט,

ווִיא עֶס טְרֶעפְט אַזֶעלְכֶע זַאכֶען אִים אויסְלַאנְד ׃

עֶר הָאט אִיהר גִיבֶּעטֶען צוּא מַאכֶען מִיט אִיהר אֵיינֶע שְׁפַּאצִיר פַאהרְט. אוּנ נַאכְהֶער אִין טֶעאַטֶער, הָאט זִיא דָאס נִיט אָנְגֶענוּמֶען. בִּיז דִיא מוּטֶער קוּמְט, זָאגְט זִיא ווִיל זִיא זִיךְ קַיין פֶערְגֶענִיגֶען מַאכֶען. נָאר אִין הַארְצֶען הָאט זִיא זִיךְ גֶעזָאגְט ׃ ווָאהרֶענְד דִיא ווּאנְדֶע פוּן מַיין צֶערִיסְסֶענֶע לִיבֶּע בְּלוּטֶעט אִין מִיר, קֶען אִיךְ אָן קַיין פֶערְגֶענִיגֶען דֶענְקֶען ׃

עֶס אִיז פָארְאִיבֶּער גֶענַאנְגֶען אַווָאךְ צַייט. לעאן פְלֶעגְט אִיהר אִיהר אַלֶע טָאג בֶּעזוּכֶען. זִיא הָאט זִיךְ צוּ אִיהם מֶעהר אוּנ מֶעהר צוּא גֶעווָאהנְט אוּנ הָאט גֶעפִיהלְט צוּא אִיהם אֵיינֶע הֶערְצְלִיכֶע צוּ נַייגוּנְג, נַאטִירְלִיךְ קֵיינֶע לִיבֶּעס גֶעפִיהלֶע ווִיא זִיא הָאט גֶעהַאט צוּ איזאקען ; אָבֶּער דָאךְ הָאט זִיא זִיךְ גֶעזָאגְט ׃ דֶער מַאן אִיז ווָערְט גֶעאַכְטֶעט צוּא ווֶערִין.

איזאקען הָאט זִיא מֶעהר נִיט גִיזֶעהֶען ; זִיא הָאט גֶעפְרֶעגְט צוּא עֶר אִיז דָא אִין שָׁאפּ (מַאגַאזִין, הָאט לעאן אִיהר גֶעזָאגְט צוּא בֶּערוּהִיגֶען, אַז עֶר אִיז דָא אוּנ אַרְבַּייטֶעט ווִיא גֶעווֵיינְלִיךְ. אָבֶּער אִין דֶער טְהַאט אִיז עֶר נִיט מֶעהר אִין מַאגַאזִין צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אוּנ לעאן ווַאר צוּא פְרִידֶען דַאמִיט ׃ עֶס אִיז גְלַייכֶער, טְרַאכְט עֶר בַּייא זִיךְ, אַז מַיין גֶעגְנֶער זָאל אִיהר נִיט זַיין אויף אויגֶען ; נָעמְט זִיא אִיהם בַּאלְד פַאר גֶעסֶען.

אִין אַווָאךְ אַרוּם אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַטֶעלֶעגְרַאמְמֶע פוּן אִיהר מוּטֶער לאה אויף דֶעם אַדְרֶעס פוּן לעאן (דֶען אַלֶע זֵייעָרֶע בְּרִיפֶע ווַארֶען אַדְרֶעסִירְט אויף זַיין נָאמֶען), אַז זִיא הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט אויף דֶעם שִׁיף סִילְוֶועסְטְרִיֶע אִין בְּרֶעמֶען, אוּנ דָאס שִׁיף גֵייט נָאךְ נַאיָארְק. בערטהא הָאט אִיהר גֶעהַאט פְרִיעָר גִיבֶּעטֶען, זִיא זָאל אִיהר לֵיינֶען אַטֶעלֶעגְרַאמְמֶע ווֶען זִיא ווֶעט זִיךְ זֶעטְצֶען אַפֶען שִׁיף, אוּם זִיא זָאל אִיהר קֶענֶען קוּמֶען אַבְּהָאלֶען.

(דיא חופּה)

לעאן האט נאה איינינע טעג ארויס געשיקט אמענטשען פון צינצונאטי איהר אויף ווארטען, דא האט מען דער ווילע געמאכט צ״א בערייטונגען צוא דער חתונה, וועלכע זאל זיין פונקט אין דעם טאג, ווען לאה וועט אנפאהרען, וויא עס וואר שוין בעשטימט.

אויף דעם עלפטען טאג נאך דער טעלעגראמע פון ברעמען, איז אנגעקומען אטעלעגראמע פון לעאנס אגענט אז לאה איז שוין אנגעקומען אונ אז ער קומט מיט דעם ערסטען צוג פון נאיארק נאך צינצונאטי.

ווען נאיארקער צוג האט געדארפט אנקומען, איז בערטהא מיט איהר מאנד אוועק געפאהרען צום ריילוויי שטיישען (אפען וואנזאל) דיא מוטטער עמפפאנגען. לעאן האט אויך געוועלט מיט פאהרען, האט בערטהא ניט צוא גינעבען; דען דיא מוטטער איז מיד אונ אבגעמאטערט פון וועג, וועט זיא זיך זעניען פאר אזא עלעגאנטען הערען, לעאן האט דאס אנגענומען פאר רעכט אונ איז ניט געפאהרען. דא האט ער דער ווילע געשיקט צום חזן פון שול אנזאגען ער זאל זיין בערייט אום זעכס אוהר צוא מאכען דיא חופה. \

דער צוג איז אנגעקומען אום דרייא אוהר: דיא מוטטער אונ טאכטער האבען זיך דער זעהען, האבען זייא זיך צו קוסט צו האלזט וויא געוויינליך, אונ האבען זיך געזעטצט אין אקערידש צוא קומען אויף איהר קוואטיר. אפען וועג האט בערטהא איהר ערצעילט אלץ, וואס דא האט מיט איהר פאסירט, אז זיא האט ווירקליך חתונה אונ היינט איז טאקע דיא חופה, אבער ניט מיט איזאקען, גאר מיט איין אנדערען, אונ וויא אזוי דאס איז אלץ צוא געגאנגען. דיא מוטטער, וועלכע וואר ניט פערבלענדעט פון ליבע אונ האט געקוקט אויף דיא זאך גאנץ מיט אפענע אויגען.

(דיא חופה)

איז גאנץ גוט צוא פרידען געוועזן מיט דער פארטיא. דען מאטעריאליטעט אדער (מיט אנדערע ווערטער) אבריטע קעשענע איז טאקע פיהל בעסער פאר אלערלייא געפיהלע אונ צערטליכקייטען. האט נאר געזוכט דיא טאכטער צו בערוהיגען אין איהר קומער וועגען איזאקען.

אז זייא זיינען אנגעפארין אויף זייער וואוינונג, האט זיך לאה ארום געוואשען פון וועג, האט געוועכסעלט איהרע קליידער אונ איז געווארען זייער מונטער אונ פריילין, אז מיט איהר טאכטער טרעפט אזא גליק, אונ זיא וועט האבען בייא איהר ארוהיגעס פרידליכעס לעבען.

באלד איז געקומען א מענש פון לעאנס מאגאזין, האט גיבראכט א באקס (אקאסטין) מיט קליידער אונ האט זייא געזאגט אים נאמען פון לעאן, אז ער בעט זייא זיך צו בערייטען צו דער חופה, וועלכע מוז זיין אום זעכס אור פרעסיז. לאה האט זאגאר געפונען עס איז צו ראש, זיא וואלט ווינשען בעסער איינגע טעג זיך צו ערהאלען פון דער רייזע. אבער עס וואר שוין ניט צו ענדערען; דען אללעס איז שוין בערייטעט, אונ דיא געסט קלייבען זיך שוין.

אום פינף אור וועט קומען נאך זייא דער שאפנער.

אין דעם באקס האבען זייא געפונען פערשידענע קליידער סאמעטענע אונ זיידענע פאר דיא טאכטער אונ פאר דיא מוטער, אונ פיר שאכטלען מיט ציררונג, זייא זאלען זיך אויס קלייבען נאך זייערען געשמאק.

דיא דאמען האבען זיך גלייך גענומען צו זייער טואלעט,

---

# 8.

אום פינף אור זיינען מוטער אונ טאכטער גיוועזן אנגעצויגען פעסטליך, וויא עס געהער צו זיין, דיא כלה איר חופה קלייד מיט דעם לאנגען שלייער מיט דיא בלומען אלעס געהעריגליך. לאה אין אירע רייכע קליידונג האט אויס גיזעהען זייער שיין. פון ווייטען האבען מוטער אונ טאכטער אויס געזעהען וויא צוויי שוועסטער; אין דער נאהע וואר עס נור צו זעהען אקליינער אונטערשיד. — מוטער! רופט זיך אב בערטהע: וויא שיין דוא זעהסט אויס, אז מיין פאטער וואלט דיך איצטער זעהען (אויב ער לעבט נאר), וואלט ער בעדויערין, וואס ער האט דיך אזוא בעהאנדעלט.

— יא, מיין טאכטער, זאגט לאה מיט אביטערען זיפץ: איך מיין אויך אז דיין פאטער וואלט לאנג בעדויערט זיינע בעהאנדלונג געגען מיר, ווען ער וואלט געלעבט... ער וואר דאך אזוא גוטהערציג... אזוא גוט אונ ליב צו מיר; זיין העפטיגער צארין געגען מיין אנקעל האט איהם געבראכט דאצו; אבער נאכהער, בין איך זיכער, וואלט ער געוויס בערייעט... נאר געוויס איז ער פלוצלונג געשטארבען, אונ איך בין געבליבען אטרויעריגע עגונה;

דא האט זיא אויס געבראכען אין אגעוויין.

— מוטער, ויין דאך ניט אונ גראם זיך ניט יעצט.

— ניין, מיין טאכטער, איצטער איז דווקא אצייט צוא וויינען. פערגעס ניט, מיין טאכטער, אז פאר דער חופה פאר-גיסען אלע יודישע טעכטער אביסל טרערען, גאט זאל זייער שיקזאל פארבעסערין. גאט! ערבארעם דיך איבער מיין קינד; לאז זיין אלעס, וואס איך בין אויסגעשטאנען, פאר איין אב קומענעס פאר איר, אונ לאז זיא האטם האבען אליכטיגע וועלט.

בַּאלְד אִיז גֶעקוּמֶען דֶער שַׁאפְנֶער, אוּנ דִיא שַׁאפְנֶערִין הָאבִּין זַייא אָן גֶעמֶעלְדֶעט, אַז אַלֶע גֶעסְט הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין פֶערְזַאממֶעלְט אִין שׁוּל, אוּנ דִיא קָערִידְשׁ שְׁטֵייט שׁוֹין בֶּערֵייט פַאר דֶער טִיהר.

דִיא כַּלָה אוּנ דִיא מוּטֶער זַיינֶען אַרָאבּ אוּנְטֶען, הָאבֶּען זִיךְ גֶעזֶעצְט אִין קַארֶעטֶע אוּנ דִיא שַׁאפְנֶער זַייא וְוִיזָאוְוִי. אַז זַייא זַיינֶען אָן גֶעפָארֶען, וַואר שׁוֹין דִיא שׁוּל פוּל פוּן גֶעסְט אוּנ פוּן זַייטִיגֶע צוּא שׁוֹיעֶר. אִין מִיטֶען אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען דִיא חוּפָּה בֶּערֵייט, דֶער בַּייא אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶער חַזָן מִיט זַיינֶע הֶעלְפֶער.

וִויא זַייא זַיינֶען אַרַיין אִין שׁוּל, הָאט דֶער חַזָן זַייא אוֹיף גֶענוּמֶען אַבָּרוּךְ הַבָּא, אוּנ דִיא שַׁאפְנֶער הָאבֶּען דִיא כּלה אוּנְטֶער גֶעפִירְט אוּנְטֶער דֶער חוּפָּה. דִיא מוּטֶער שְׁטֵייט נֶעבֶּען אִיר. דֶער שַׁאפְנֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען גֶעגֶען דֶעם חָתָן, וֶועלְכֶער הָאט עֶרְסְט עֶרְשִׁינֶען מִיט זַיינֶע גוּטֶע פְרֵיינְד, אוּנ גֵייט צוּ לַאנְגְזַאמֶע שְׁרִיט צוּא דֶער חוּפָּה.

פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערֶען אַרַייסֶענְדֶע שְׁטִימְמֶע:
אַ אַיי! אַלֶע אַנְוֶועזֶענְדֶע זַיינֶען גֶעבְּלִיבֶּען פֶערְשְׁטֵיינֶערְט.

בַּאלְד דַארוֹיף הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערֶען נָאךְ אַגֶעשְׁרַייא: הַ אַ אַ!

— לֵיבֶּע בִּ י זְ ט וּ עֶ ס! שְׁרַייט לאה מִיט אַרִידֶענְדֶע שְׁטִימֶע מִיט אוֹיס — גֶעשְׁפְּרֵייטֶע אַרְמֶען, אוּנ פַאלְט הִינְטֶערְוֶועְרְטְס. דִיא דֶער בַּייא שְׁטֵייעֶנְדֶע הַאלְטֶען אִיהר צוּא זִיא זָאל נִיט פַאלְלֶען.

— לֵאָה! דוּא בִּיזְט דִיא מוּטֶער פוּן בערטהען! שְׁרַייט לעאן (וֶועלְכֶער אִיז יֶעצְט ווִידֶער לֵיבּ). עֶר הָאט אַטְרָאט גֶענֶעבֶּען צוּרִיק אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען טוֹיטֶענְבְּלַאס. עֶס וַואר אֵיינֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע זִיוַואצִיא קַארְטִינֶע: לאה פַארְוָוארְפֶען דֶער קָאפְּ אַהִינְטֶער, דִיא מוֹיל אָפֶען, אַטְהֶמְט שְׁוֶוער. בערטהע הַאלְט זִיךְ פַארֶען קָאפְּ

און שוידערט ; מען האלט איהר צוא זיא זאל ניט פאלין : און לעאן האלט איין האנד אפען הארצען און איין האנד אויס נישטרעקט ; איין אונבעשרייבליכער שרעקען איז אויף זיין געזיכט . און דאס גאנצע פובליקום שטייען וויא פארשטיינערט , און פערשטייען ניט , וואס קען דאס זיין .

דאס האט אזוא געדויערט פינף מינוטען .

אז לעאן איז געקומען צוא זיך , האט ער אנגעהייבן : מיינע הערען און דאמען ! — איך וויל יעצט פאר אייך מיינע זינדע בעקענען , איך האב געטאן אגרויסעס פערברעכען . אט דאס פריילען , וואס איר זעט אונטער דער חופה , איז געווען מיין כלה . . . און זיא איז יעצט מיין טאכטער . . . און דאס איז איר מוטער , מיין פרויא , פאר אכצעהן יאר צוריק האב איך איר אוועק געווארפען און זיא האט זיך גערעכינט פאר איין עגונה איין אונגליקליכע . איהרער איין אנקעל האט מיך נידערטרעכטיג באליידיגט , האב איך דאס ראכע גענומען אן איהר ; און דאס וואר אשרעקליכעס פערברעכען נעגען איהר . אין איאר ארום האב איך איר געשיקט בריף און געלד און האב איהר געבעטין אום פערצייהונג . אבער איך האב פון איהר קיין אנטווארט בעקומען . זיא האט קיינע אייגינע אדרעסע געהאט , האב איך געשיקט אויף דעם נאמען פון דעם געמיינדע פארשטעהער (שטאראסטא) . יענער האט מיר נאכהער געשריבען , אז זיא איז געשטארבען . יעצט פארשטייא איך , אז יענער האט דיא געלד צו גענומען פאר זיך , און זיא , מיין ארמע פרויא , איז געבליבען ניט געוואוסט וואו איך בין אהין געקומען . פאר אמאנאט צוריק האב איך דא געטראפען דיזעס מעדכען ; זיא איז דאס וואהרע בילד פון איר מוטער , וויא איר זעט , מיינע הערען . מיינע געוויסענביססע האט מיר גענאגט דאס הערץ אונאויפהערליך . און אט האב איך אנגעווענדעט אלעס מעגליכע דיזעס בילד פון מיין פרויא פון מיר ניט אוועק צו לאזען און זיא

זָאל בְּלַייבֶּען מַיין פְּרוֹיא. יֶעצְט מַיינֶע הֶערֶען אוּנ דַאמֶען, הָאט מִיךְ נָאט גֶעשְׁטְרָאפְט פַאר מַיין פֶערְבְּרֶעכֶען; אִיךְ עֶרְקֶענֶע מַיינֶע פְּרוֹיא נֶעבֶּען דֶער חוּפָּה, וואוּ אִיךְ ווִיל הַיירַאטֶען מַיינֶע אֵיינִיגֶע טָאכְטֶער. דָאס אִיז אַשַׁאנְדֶע, וָואס אִיךְ הָאבּ פָאלְקָאמֶען פֶערְדִינְט. אוּנ יֶעצְט בֶּעט אִיךְ מַיין פְּרוֹיא פַאר גַאנְץ פּוּבְּלִיקוּם אוּם פֶערְצַייהוּנְג. לִיבֶּע פְּרוֹיא מַיינֶע זָאגְט עֶר צוּ טְרֶעטֶענְדִיג צוּ לאהן: אִיךְ בֶּעט דִיךְ, פֶערְצַייהֶע מִיר מַיין גְרָאסֶעס פֶערְבְּרֶעכֶען, פוּן נוּן אָן בִּיזְטוּ ווִידֶער מַיינֶע עֶהֶעפְרוֹיא, מִיר וֶועלֶען לֶעבֶּען צוּזַאמֶען, אִיךְ וֶועל זוּכֶען אַלֶעס בְּאזֶע, וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעטָאן, ווִידֶער גוּט צוּא מַאכֶען, אוּנ אִיךְ פֶערְזִיכֶער דָא פַאר דֶעם גֶעעֶרְטֶען פּוּבְּלִיקוּם דִיךְ גְלִיקְלִיךְ צוּא מַאכֶען.

— אִיךְ פֶערְצַייהֶע דִיר, עֶנְפֶערְט לאה מִיט אַשְׁוַואכֶע שְׁטִימֶע, צוּ לִיבּ אוּנְזֶער טָאכְטֶער.

— אוּנ דוּא, מַיין טָאכְטֶער, זָאגְט לעאן בִּיזְטוּ יֶעצְט פְּרַייא צוּ הַיירַאטֶען וֶועמֶען דוּא ווִילְסְט.

— אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר, לִיבֶּער פָאטֶער, זָאגְט בערטהע אִים אוּמְאַרְמֶענְדִיג: אִיךְ דַאנְק דִיר הֶערְצְלִיךְ, וָואס דוּא בֶּעפְרַייעֶסְט דַיין פֶערְגֶעהֶען, אוּנ אִיךְ ווִיל הָאפֶען, אַז דִיא יָארֶען, וֶועלְכֶע דוּא הָאסְט מַיינֶער מוּטֶער פֶערְבִּיטֶערְט, וֶועסְטוּ יֶעצְט זוּכֶען מִיט לִיבֶּע אוּנ אִינְנִיגְסְטֶע טְרַייהַייט צוּ פֶערְזִיסֶען. אִיךְ מַיינֶער זַייטְס פִּיהלֶע מִיךְ הֶעכְסְט גְלִיקְלִיךְ, אַז אִיךְ הָאבּ מַיין פָאטֶער גֶעפוּנֶען, אוּנ אַז מַיינֶע עֶלְטֶערִין וֶועלֶען יֶעצְט וואוֹינֶען צוּא זַאמֶען.

— אִיצְטֶער וָואלְט זַיין זֵייעֶר רֶעכְט, זָאגְט דֶער שַׁאפְּנֶער, אַז דִיזֶע עֶלְטֶערִין זָאלִין שׁוֹין פִירֶען זֵייעֶר טָאכְטֶער צוּ דֶער חוּפָּה.

— לָאז מֶען גְלַייךְ גַיין רוּפֶען איזאקען, זָאגְט לעאן.

— אָט אִיז עֶר, זָאגְט דֶער שַׁאפְּנֶער וַוייזֶענְדִיג אוֹיף איזאקען, וֶועלְכֶער אִיז דָא גִישְׁטַאנֶען אִין פּוּבְּלִיקוּם הִינְטֶער בערטהען אוּנ הָאט

Hebr. Ej. 596



צוּ גֶעזֶעהֶען דִיא גַאנְצֶע סְצֶענֶע. אִין הַאנְד הָאט עֶר גֶעהַאלְטֶען אַפַּאפִּירְל, דָאס וַואר אַנִיפְּט פּוּלְוֶוער, וֶועלְכֶעס עֶר הָאט גֶעוֶועלְט אַיין נֶעמֶען גְלַייךְ וִויא לעאן וֶועט בערטהען מְקַדֵשׁ זַיין. עֶר הָאט גֶעוֶועלְט שְׁטַארְבֶּען נֶעבֶּען דֶער חוּפָּה אוּם לעאן אוּנ בערטהע זָאלְין צַייט לֶעבֶּען הָאבֶּען שְׁרֶעקְלִיכֶע גֶעוִויסֶענְסבִּיסֶע.

לעאן הָאט אִים גֶעבֶּעטֶען אוּם פֶערְצַייהוּנְג אוּנ הָאט גְלַייךְ גֶעהֵייסֶען מַאכֶען דִיא חוּפָּה.

נָאכְדֶעם אִיז לעאן אַרוֹיף אַפֶען בִּיהְנֶע אוּנ זָאגְט: אִיךְ דַאנְק יֶעצְט דָאפֶּעלְט גָאט: עֶרְסְטֶען וָואס עֶר הָאט מִיר, אוֹיף זָא וואוּנְדֶערְלִיכֶע וַוייזֶע, מַיינֶע פְרוֹיא צוּרִיק גֶעבְּרַאכְט, וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ גֶערֶעכִינְט פַאר גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּנ וֶועלְכֶע אִיךְ וֶועל יֶעצְט קֶענֶען פַאר גִיטִיגֶען פַאר אַלֶעם, וָואס זִיא אִיז אוֹיס גֶעשְׁטַאנֶען. אוּנ צְוַוייטֶען, וָואס מַיינֶע לִיבֶּע טָאכְטֶער הָאט יֶעצְט גֶעהֵייראַטֶעט אַמַאן, וֶועסֶען גוּטֶע אֵייגֶענְשַׁאפְטֶען אִיךְ הָאבּ קֶענֶען גֶעלֶערִינְט אוּנ וֶועלְכֶער וֶועט אִיר גְלִיקְלִיךְ מַאכֶען. אִיךְ בֶּעט דָאס גַאנְצֶע פּוּבְּלִיקוּם צוּ מִיר אַפֶען בַּאל. אִיךְ פַייעֶר יֶעצְט צְוַוייא הָאכְצַייטֶען אוֹיף אַמָאל.

# ע נ ד ע

(דיא חופה)